הגדה
של פסח

ני מחכה —
א.

חג החירות

ביסט הער, מיין קינד, וואס מאמע זאגט,
בישט ליג אויף מאמעס רייד קיין אכט.
ווייל מאמע זאגט: גיט טריט ביי טריט,
און מאמע מאכט: באזאכט, באזאכט.
און שטורעם זאגט: ארויס פון קלעם!
דאס שטאלצע ליד דעם זונט פארנעם!

דאס ליד פון קינד פארנעם פון ווייט
און טרעט דיין וועג דירי אויס אליין.
אויף מאמע-מאמעס וועג נישט גיי,
עס איז א זינד אויף איט צו גיין.
עס איז א זינד וואס מענטש באגייט
אקעגן יענעם דור, וואס גייט.

אין קאלטער אדר-נאכט, ווען ס׳שלאפט
דאס אלטע עלטערישע פאר,
צי הערסטו, ווי דער שטורעם זינגט
דאס ליד פון קומענדיקן יאר?
אין נאכט קאלט-אדר׳דיגער הער:
דער פרילינג זינגט — ס׳איז ער, ס׳איז ער!

(דוד שמעונבאוויטש.)

אוֹמְרִים: יֶשְׁנָהּ אֶרֶץ,
אֶרֶץ רְוַת שֶׁמֶשׁ...
אַיֵּה אוֹתָהּ אֶרֶץ?
אֵיפֹה אוֹתָהּ שֶׁמֶשׁ?

אוֹמְרִים: יֶשְׁנָהּ אֶרֶץ
עַמּוּדֶיהָ שִׁבְעָה,
שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי-לֶכֶת
צָצִים עַל כָּל גִּבְעָה.

ארץ – בה יקוים
כל אשר איש קיוה,

נִכְנַס כָּל הַנִּכְנָס, –
פָּגַשׁ בּוֹ עֲקִיבָא.

– "שָׁלוֹם לְךָ, עֲקִיבָא!
שָׁלוֹם לְךָ, הָרַבִּי!
אֵיפֹה הֵם הַקְּדוֹשִׁים
אֵיפֹה הַמַּכַּבִּי?"

עוֹנֶה לוֹ עֲקִיבָא,
אוֹמֵר לוֹ הָרַבִּי:
"כָּל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים,
אַתָּה הַמַּכַּבִּי!"

(שאול טשרניחובסקי)

שיר החירות

דין דן.
היה היתה צבת על סדן
דין דן,
ממטיל ברזל ישן
היא קשרה עגול חסין
דן דין!
חד-ותרי טבעת — הא!
עוד אחת ועוד-שתיים
הנה כבל — נחושתים!
כבל-כבל מאפיל
על כל דרך ועל כל שביל,
באשר כף רגל שם:
דין דן, דין דן!

*

ורצון בא, חופשי, רצבן
וכנפים — פרש,
ויתפוש הצבת מעל הסדן
ויתפוש כל חוליה — נבדין!
התפרצו חוליות — מעברים
גם פה, גם שם,
דין — דן, דין — דן
תור כבל — תם!

*

ורוח אביב בא מרנין
דן-דין.
פרחים וילדים על כל שעל
דין-דן!
עם צליל הברזל
עוד צליל אחד יעל
שיר החירות הוא בא ורן
דין-דן, דין-דן!

* * *

בליל זה

בליל זה, ליל התקדש החג, חג החירות, – כאשר אנו, בני קיבוץ ההכשרה, החיים כאן חיי-עבודה ושיתוף – בלב הדלות והחורבן היהודי מסובים כאן מסביב לשולחננו ופנינו מופנים כלפי ארץ-ישראל, כלפי שדות רחוקים – שומה עלינו לזכור ולציין:

בליל זה חוגגים אחינו הפועלים, פועלי ארץ-ישראל הכובשים והמתישבים והחיים חיי-קיבוץ את חג החירות הזה, חג הפסח והם יוצקים בו את תכנו העתיק כחג-טבע היונק מתקופת אביב חיי-העם כאשר חי בן-חורין בארצו, עבד את אדמתו: חרש וזרע וקצר. ידע את תקופות השנה התפלל לטל בקיץ ולגשם-ברכה בחורף.

חג-הפסח הוא להם מחדש חג – ה א ב י ב.

והימים האלה בא״י, הם ימים בהם "הסתיו עבר, הגשם חלף הלך לו. הניצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו. התאנה חנטה פגיה והגפנים סמדר, נתנו ריח".

והימים האלה בארץ הם ימי ראשית קציר העומר, ימים בהם מבשילים שבלי התבואה בשדה והאדם העובד אשר "זרע בדמעה" עומד בפני פרי עמלו המבשיל וקוצר ברינה את "העומר" הראשון ומביאו אל ביתו, אל ביתו החוגג. והילדים, ילדי האדמה, משתתפים ב"הבאת העומר" מן השדה, ברקודים ובקול חוגג, בתוך הטבע המתעורר. חג האביב.

קציר

אינו עמלנו
כעמל הנמלים:
כל איש יביא כעומר אלומות -
גדיש-דגן יקום לתלפיות;
ושבליו פנימה,
פנימה השבלים.



ראינו עמלנו
זה עמל הנמלים.
כן ירבה. לו יבורך כפלים
משמני הארץ ומטל-שמים;
עם שבלים פנימה,
פנימה השבלים.

ראינו עמלנו,
הנה עמל הנמלים...
שמרו, איפוא, אחים אוגרי-הבר
ליום מצור, יעוט אויב וצר -
השבלים פנימה,
פנימה השבלים! -

(לוי בן-אמיתי)

ספיח

הן לא חרשתי, גם לא זרעתי,
לא התפללתי על המטר.
והנה ראו נא! שדותי הצמיחו
דגן ברוך שמש במקום דרדר.

האם הוא ספיח תנובות מקדם,
חסדי חדוה הם, קצירים מאז?
אשר פקדוני בימי העני,
בקעו עלו בי בארח רז.

שגשגנה, שגינה, שדמות המלא,
שגשגנה, שגינה וגמלנה חיש!
אני זוכרת דברי הנחם:
תאכלו ספיח ואף סחיש.

(רחל)



מה לאו אסמינו בר, ויקבינו יין -
בתינו הומים, הומים מתינוקות
ובהמתנו - פורה
מה עוד תבקשי מאתנו מכורה
ואין, ואין - עדיין?

כשאנו מסובים כאן ופנינו לארץ-ישראל חייבים אנו לזכור ולזעת: כי הארץ נתונה היתה השתא במצור-דמים קשה ועדין לא יצאה מתוכו; כי בעצם ימי העליה והבנין הוחרד הישוב העברי וצבור הפועלים, - כי הונף עליו הגרזן, אויבים קמו לבלעו, - ויזעק הצבור כולו, - בחור ובחורה ונער בתוכם - ל ה ג נ ה .

ויהיו הימים ימי מצור ועמידה על המשמר. ויצאו לשדות לקצור והרובה על השכם ויהיו ערים וקשובים באופל הלילות כשכדורי-מות מפלחים ומרעידים בהרים. ועוד לא חדל מצור.

ובליל זה, ליל התקדש החג, עוד אורבת היד ועוד עומד החבר על המשמר.

כי זה צו החיים והיצירה בארץ: " ש א ת   ה מ ק ו ם   א י ן   ע ו ז ב י ם   ו ע ל   ה ב נ ו י   ל א   מ ו ו ת ר י ם ! ". -
וצריכים אנו עוד להגביר ולהרחיב את ההגנה והשמירה. לא צבא כובש החי על חרבו דרוש לנו לשמירת עמדותינו עד תום הימים הרעים, - כי אם מחנה עובדים, אשר ידעו להחזיק גם שלח. דרוש עובד אשר גם ידע להגן על מחרשתו ושדהו. -
כי על עבודת השדה ועל עבודת הבנין אין מוותרים גם בשעת הסכנה וגם בימי מצור.

* *
*

אויף דער וואַך

אויף די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
און אין האַנט — וואָס סע קומט,
און אין האַנט וואָס זיך מאַכט: —
א שטעקן, א רידל,
א קאָסע פון פעלד,
אויף דער וואַך איצט אַרויס
אין דער נאַכטיקער קעלט.
איז וואָס, אַז דער דזפק
קלאַפּט הייס און קלאַפּט שטאַרק,
איז וואָס, אַז דער מדבר
שטייט אונטער דעם באַרג! —


אויף די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
פאַרן טאַטן וואָס פֿעלט,
פאַר דער מאַמען וואָס שוואַך,
וואָס מיט אַלץ און מיט אַלעם
זענען מקדש השם;
שטיל געגעבן דער טאָכטער
די ברכה פון קלעם,
און דעם זון כסיל געפירט
צו דער שלאַכט, שטיל געגלייט —
צו דער שלאַכט מיטן מדבר
וואָס האָט דאָ זיך פאַרשפּרייט.

אויף די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
צוליב יונגינקן פלאַנץ
וואָס ערשט איצט האָט דערוואַכט,
און דעם גאָרטן צוליב,
וואָס צעעפנט קוים-קוים,
א צעבליטער, די אויגן
פון קנאָספּישן טרוים,
און דער תבואה צוליב,
וואָס א גאָלדענע שטייט, —
אויפן טראַקטאָר זי וואַרט,
פאַרן שטייער געגריפס — — —

אויף די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!
פאַר דער בהמה אין שטאַל,
וואָס אַרבעט אין פעלד,
גלייך ווי מיר און מיט אונז
ביז דער אָטעם פאַרפעלט,
וואָס באַגיסט מיט איר שווייס,
גלייך ווי מיר, אַט דעם בייס —
פון דער ערד אַרויסציען
א שטיקעלע ברויט — — —
אויף די היינטיקע נאַכט
וועלן האַלטן מיר וואַך!

פאר א רויקער היים,
פאד א שטוב מיט א דאך
שטייען מיר דא אליין,
מאכן נעכט מיר ווי טעג,
ווי די סאבדעס אויף וועג,
און אין האנט – וואס זיך מאכט,
וואס עס קומט נאר געשווייגד –
פאר דער קינדער-היים וועגן
און וואס אין איר – פארן קינד – – –

(ש. טשעניכאווסקי)



בהמות ארץ

בוא במסתרים אחי, וכך היה אומר:

אניות המשחות בחלו בעגון... ציון!

תוות אוירונים מפציצים וגזים מרעילים, עת כל הדרכים מגואלות בדם,

פתח את ספר התהילים, אשא עיני אל האדם.

ועשה לך נגון... ציון!

ושחח על נפשך עמוק.

ושמע:

בשדות יזרעאל וחפר יש ניר קורא...

יקח תרמיל ביד וצא –

וזרע...

(ש. שלום)

כִּי כֹה אָמַר הַמְעוֹרֵר:

ראה בן-הגלות. הנה לדפוק בִּלְתִּי לבך הכואב באתי כיום הזה. כיום הזה - יום אשר עוד לא היה כמוהו לרוֹעַ מיום אשר הלכנו בגולה, יום של פחָדים בלתי פוסקים ואי-אימון בחיים לשארית הנמצא; יום שֶׁגּוֹלוֹ כּזִבְחַ ארוך. כיום הזה - יום אשר עין בעין אנו רואים את כל ההתנוונות של העם בכל הגיטָאוֹת אשר הודחו שמה, את כל התפוררות האומה, התרוקנות תכנה והמות השחור האורב לה, הבא עליה, את כל עומק היסורים של גסיסת-ענק...

היום הזה - יום שהאדם נמסר בו למולך, הנשמות העדינות הולכות ונמקות משעבוד וכבלים, העביות והגסות והזָדון שופכים את ממשל-תם על כל ו"השכינה תכבוש בענן ראשה ומעוצר כאב וכלימה היא פו-רשת זבורה"...

כיום הזה - הנני בא אליך, אח נדכה. כי לא מרגוֹעַ תדע אתי, אחי, אף לא שלוה ולא הנאה.

כי ל ע ו ר ר ך אני בָּא, לעוררך לֵאמֹר: שְׁאַל בן-אדם, לנתיבות עולם, שְׁאַל, אֵי-הדרך, אֵי?...

(י.ח. ברנר)

הננו ועלינו!



שעה ההיא –

ואחוזי פריץ אונים יקיצו אדירי אימה,

פתע פתאום יתנער דור עזוז וגבור, דור גבור מלחמה,

ועיניהם ברקים ופניהם להבים –

וידיהם לחרבות!

והרעימו אדירים בקולם, קול ששים רבבה,

קול קורע הסערה ובנהמת המדבר הזועף יתחרה,

וסביבם נשערה, וסביבם נזעמה.

הם קוראים:

"אנחנו גבורים!

דור אחרון לשעבוד וראשון לגאלה אנחנו!

ידנו לבדה, ידנו החזקה

אֶת-כֹּבֶד הָעֹל מֵעַל גְּאוֹן צַוָּארֵנוּ פֵּרְקָה.
וַיִּזְקוֹף רֹאשֵׁנוּ שָׁמַיְמָה וַיִּצְרוּ בְּעֵינֵינוּ -
וַנַּעֲרֹךְ לַמִּדְבָּר וַנֹּאמַר לַצִּיָּה "אִמֵּנוּ!"
עַל רָאשֵׁי הַצּוּרִים בֵּין מִפְלְשֵׂי עָבִים
שָׁתִינוּ מִמְּקוֹרוֹ הַדְּרוֹר עִם כָּל-נִשְׁרֵי שָׁמַיִם -
וּמִי אָדוֹן לָנוּ?!
גַּם-עַתָּה - אִם סָגַר עָלֵינוּ מִדְבָּרוֹ אֵל נָקָם,
כִּמְעַט נָגַע בָּנוּ שִׁיר עֹז וָמֶרִי - וְנָקָם;
לַחֲרָבוֹת! לָרְמָחִים! הִתְאַחֲדוּ! הִימִינוּ!
עַל-אַף הַשָּׁמַיִם וַהֲמוֹנָם -
הִנְנוּ וְעָלִינוּ -
בִּסְעָרָה!"

"הִנְנוּ וְעָלִינוּ!
אִם אָסַף הָאֵל מֵעִמָּנוּ אֶת-יָדָיו

וארזנו ממקומו לא-ימוש –
געל-נא אפוא בלעדיו!
ותחת עין זעמו, לברק חמת מבטו,
גרד לפנינו הועפות ההרים האלה,
ופנים נתראה באויב החמוש!
האזינו!
הסערה גם-היא קוראת לנו: "ההינו!"
לחרבות! לרמחים! יתפרקו ההרים, ישתברו הגבעות,
או ימלו תגרינו חמרים חמרים –
הננו ועלינו
ההרה! " – – – – – – – – – – – – – – – – – –

(ח.נ. ביאליק)

היתה עלי יד-יי ויוציאני ברוח יי ויניחני בתוך הבקעה, והיא
מלאה עצמות. והעבירני עליהם סביב סביב, והנה רבות מאוד, על פני
הבקעה, והנה יבשות מאוד. ויאמר אלי: בן-אדם, התחיינה העצמות האלה?
ואמר: אדני אלהים אתה ידעת. ויאמר אלי: הנבא על העצמות האלה
ואמרת אליהם: העצמות היבשות, שמעו דבר יי! כה אמר אדני אלהים
לעצמות האלה: הנה אני מביא בכם רוח וחייתם. ונתתי עליכם גידים,
והעליתי עליכם בשר, וקרמתי עליכם עור, ונתתי בכם רוח וחייתם,
וידעתם כי-אני יי. ונבאתי כאשר צויתי, ויהי קול כהנבאי, והנה רעש,
ותקרבו עצמות עצם אל עצמו. וראיתי, והנה עליהם גידים, ובשר עלה,
ויקרם עליהם עור מלמעלה ורוח אין בהם. ויאמר אלי: הנבא אל הרוח,
הנבא בן-אדם, ואמרת אל הרוח: כה אמר אדני אלהים: מארבע רוחות באי
הרוח ופחי בהרוגים האלה - ויחיו. והנבאתי כאשר צוני. ותבוא בהם רוח,
ויחיו ויעמדו על רגליהם חיל גדול מאוד מאוד. ויאמר אלי: בן-אדם,
העצמות האלה כל בית ישראל המה. (יחזקאל ל״ז)

* *

מבית עבדים

פסח

עם שומר במשך אלפי שנים את יום צאתו מבית עבדים ודרך כל מחילות השעבוד והאונס והאינקביזיציה והשמד והפרעות, – נושאת האומה בלבה את הגעגועים לחופש ומביאה אותם לידי ביטוי עממי אשר לא יפסח על כל נפש מישראל! מאבות אל בנים, דרך כל הדורות נמסר דבר יציאת מצרים כ ז כ ר ו ן א י ש י, אשר איננו מהויר ואיננו זהה.

"בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כ א י ל ו ה ו א י צ א ממצרים". – אין לך שיא של הכרה היסטורית מרומם מזה ואין לך התמזגות של יחיד בכלל – ברחבי כדור העולם ובעמקי הדורות – גדולה מאשר בצו חינוכי עתיק זה. ואין לך זכרון עתיק כזה שכולו מופנה לקראת העתיד, שכולו סמל להווה ולעתידנו.

איזה יצר חירות עמוק טבוע בלב עם, יכול היה באביב ימיו ליצור יצירה כזאת ולמסור אותה מדור לדור.

(ב. כצנלסון)

ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאוד ותמלא
הארץ אותם. ויקם מלך חדש על מצרים ויאמר אל עמו:
"הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו! הבה נתחכמה לו
פן ירבה והיה כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם
בנו ועלה מן הארץ". וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם
ויבן ערי מסכנות לפרעה את פיתום ואת רעמסס. וכאשר יענו אותו
כן ירבה וכן יפרוץ.
ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך. וימררו את חייהם בעבודה קשה
בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה.

(שמות פרק א')

ומשה היה רועה צאן יתרו חותנו כהן מדין וינהג את הצאן
אחר המדבר ויבוא אל הר האלהים חורבה: וירא מלאך
אלהים אליו בלבת אש מתוך הסנה. וירא והנה הסנה בו-
ער ואיננו אוכל. ויאמר משה אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה
מדוע לא יבער הסנה. ויקרא אליו אלהים מתוך הסנה ויאמר: משה משה.
ויאמר: הנני! ויאמר: אל תקרב הלום, של נעליך מעל רגליך כי המקום
אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא. ויאמר אלהים: ראה ראיתי את
עני עמי אשר במצרים ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו כי ידעתי את
מכאוביו. וגם ראיתי את הלחץ אשר מצרים לוחצים אותם ואתה לכה
והוצא את עמי בני ישראל ממצרים.

(שמות פרק ג')

לך: שוב מצרימה ועשית לי עם. הידעת איך יעשה עם?

את העובדים ואת האומללים תקרא אליך, את כל אלה אשר יאנחו מעבודה רבה ומרוב פרך ואשר יענו תחת יד נוגשים ופקידים ואין להם כלתי אם לב ובלב הזה מעט רגש, ודברת אליהם, והוצאת אותם מבית עבדים וגאלתם ונתת להם חוקים ומשפטים ועשית אותם לעם.

לך, בוא מצרימה ובאת אל הנענים והאומללים אל כל הנאנחים והנדכאים, והגדת אליהם כי אומללים הם – והם לא ידעו; ואמרת אליהם כי עבדים הם – והם לא ידעו; וכי גדול ענים וגדולים מכאוביהם ונורא לחצם – והם לא יאמינו; ופקחת את עיניהם בחוזק יד על כל לחצם ועל כל ענים וגאלת אותם.

ועם רב ימשך אחריך מקרב אחיך, אשר לא ידעת ואשר לא ידעוך עוד, ומקרב כל העם מסביב אשר רע ומר להם, והיית לאב המון אדם רב ועשית מן התולעים – אדם, ומן האדם – עם, ומעפרות חול – ארץ.

(ד. פרישמן)

קומו תועי מדבר, צאו מתוך השממה;
עוד הדרך רב, עוד רבה המלחמה.

רב לכם לנוע, לנוד בערבה
ולפניכם פרושה דרך גדולה, רחבה.

אל בא יעצרונו פגרי הנחשלים,
שבעבדותם מתו - נפשם על החללים!

קומו איפוא, נדים! עזבו את השממה!
אך אל-יעל קולכם, דרכו עוד בדממה!

איש בלבבו ישמע קול אלוה דובר:
"לך היום אל ארץ חדשה אתה עובר!

לאו! לא לחם קלוקל, שלו ודגן שמים –
לחם עצב תאכל, פרי עמל ידיכם!

לאו! לא אוהל תוהו ועליות שחקים –
בית אחר תבנה, אוהל אחר תקימו!

(ח.נ. ביאליק)



שִׁיבַת בָּבֶל



על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו
את ציון. על ערבים בתוכה תלינו כנו-
רותינו כי שם שאלונו שובינו דברי שיר ותול-
ליגו-שמחה: שירו לנו משירי ציון. איך נשיר
את שיר אדוני על אדמת נכר?

לכו ונבנה את חומת ירושלים
ולא נהיה עוד חרפה
והיה הלילה משמר
והיום למלאכה

הבונים
בחומה
הנושאים
בסבל
עומסים.

ויהי מן היום ההוא באחת ידו עושה במלאכה ואחת מחזקת השלח.

והבונים איש חרבו אשורים על מתניו ובונים.

ואנחנו עושים במלאכה וחצים מחזיקים ברמחים מעלות השחר עד צאת הכוכבים.

והיה לנו הלילה משמר והיום למלאכה.

בשוב אדוני את שיבת ציון היינו כחולמים

אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה.

אז יאמרו בגוים: הגדיל אדוני לעשות עם אלה

הגדיל אדוני לעשות עמנו — — —

ה ז ו ר ע י ם ב ד מ ע ה -

ב ר נ ה י ק צ ו ר ו .

פורעים וועלים

מסדה

גרויס איז געוועזן די מהומה אויף גאולה־יאַרדן.
אודעק איז א חבר אין סומל, אין טלית אין רויטן פארוויקלט,
דעם מעסער אין פאַלע פארשטעקט –
דעם גאַס פון נקמה צו דינען! – – –
(ווײ מיר, אַ ווײ: איך גיב אים מײַן ברכה! – – –)

א צוױיטער פאר גוט נעמט די שחיטה. פון הינטער דעם פארהאנג
דעם ײדישן

דעם חלום ער שפינט פון גאולה
און קוקט אויס די וונדער פון שפרייט פון דעם לעצטן
(א, ווײ מיר: איך גיב אים מײַן ברכה
און שיק אים מײַן קללה! – – –)

פאַזע ווײג ליגט דער דריטער. די אויגן געשלאָסן,
מיט אפענע אויערן וואַרט ער אויף די טריט
פונם גואל דעם לעצטן, דעם איינציקן
(א, ווײ מיר: איך קען אים מײַן ברכה נישט געבן,
איך קאָן אבער אויך אים נישט שילטן! – – –)

און איך —
חצות, אין ווידרוואר פון יארידן,
פארדרייפט האב מיין זעל, וואס צעפאלט זיך,
מיט רייפן, מיט לעצטע, פון מוט,
זיך געלאזט אין געלאף צו א וואגלערשער שיף
און אוועק קיין מסדה — — —

ביי די טויערן מסדה'ס

עפן אויף, מסדה, דיינע טויערן און לאז אריין מיר,
דעם אנטרונענעם!
איך טו צו דיינע פיס אנוועקלייגן די נשמה מיינע וואס צעקריטלט זי
נעם, מסדה, זי אויף דער קאנוואלע פון די פעלזן דיינע,
האמער זי און שמיד זי
פונדאסניין!
וווהין נאך זאל איך טראגן אט דאס בינטל, וואס צעפאלט זיך;
אז עס שטייען אפ די לעצטע רייפן טוין?
וווהין נאך זאל איך שלעפן אט מיין גוף דעם מידן, דעם געשטרי...
אז אלע שאלעכצן פון רו האבן טוין פון אים זיך אפגעשיילט?

אָ, אויסגעגאנגען זענען אלע וועלטס געגאדן!
דער ערד־קרייז איז די פעסליע פאר מיין האלז,
און איך לענג און ברייט — די תלין־דלאניע,
וואס דערשטיקט מיט אלע אירע פינגער־וועגן.
אט שטיי פאר דיר אזוי איך, דער אנטרונענער;
אין מיין שויס, פון ווייטיקן געשוואלענעם,
האט זיין קאפ פארווארפן דער גאט פון ישראל
און זיין בלוט מיט מיינעם האט זיך אויגעמישט — — —

פאל איך צו איצט צו דיינע טויערן:
עפן אויף, מסדה,
און לאז אריין מיר, דעם אנטרונענעם — — —

(יצחק למדן)

צווישן פאלק און לאנד

רגל

די פייערן, וועלכע מען פלעגט אָנצינדן אויף די שפיצן פון די בערג אין לאנד ערב חודש און יום-טוב, זענען געווען די איינזאַמע וואַכן, וואָס האבן אין יעדן דור פארגעדענקט צו קומען אין פאַרלאזענעם היימלאנד. געווען זענען עס צייכנס וואס האבן אָנגעזאָגט, אז ס׳וועלן קומען טעג פון עליה, דעם גרויסן יום-טוב, וואס וועט נישט פארזוימען צו קומען.

וואַכן זענען א וועק און וואַכן זענען געקומען. די פארבארגענע פארלאנגען האבן זיך גנספלעקט אין יחידים, אין קליינע גרופן, וואס האבן ווי ציטעריקע פויגל פון אלע עקן וועלט געצויגן. אבער די אלע עליות זענען געווען נאר ווי פרווון פון גאולה, שטופן פון צוגרייטונג צום גרויסן טאג. דער דור איז נישט געווען גרייט. ס׳האט געפעלט דער מוט צו דערהויבן זיך, צו טראכטן ביזן סוף, צו ארומנעמען דעם מיטל-זייל דער טרוים פון באַפרייונג. נאָר ביי ווייניקע זענען אויסגעוואקסן פליגלען, נאָר ווייניקע האבן געדווסט צו אויפשטורמען אין פראַכט פון טרוים און אָנזאָגן דעם פארשטיינערטן וואלד פון דורות, צו אויסוואָרצלען טויזנטער פון זייערע ערטער, צו פארזייען אין אלע געסלעך פון גלות אומרו און דערוואַרטונג, די גלוסטונג צו באַפרייונג.
ביז ס׳זענען געקומען די גרויסע טעג פון עליות.

(י. פיכמאן)

מעפילים...

אל ראש ההר, אל ראש ההר,
הדרך מי יחסום לגדודי שבי?
מעבר הר הן זה מכבר
רומזת לנו ארץ צבי
העפילו...

אחים עלו, אחים עלו!
לב מי יחת מאבן נגף?
צעד עשו – ראה נראה:
אנו פה שבים אז נשגב
העפילו...

צווייטע עליה

געשען איז עס אין 1904-1905 נאך די פאגראמען אין קישיניעוו און האמעל. בעתן דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע. און די צייט איז געווען א צייט פון זוכעניש און ראנגלענישן אויף שייד-וועגן פאר א גאנצן יידישן דור. טויזנטער יידישע יונ-גנטלעכע האבן זיך געראנגלט אין אויסוועג. צעפרעסן פון יאוש און בונט. מיטגעשלעפט פון רעוואלוציאנערע באוועגונגען פון אינוויי-ביק און פון דרויסן. א צייט פון פאליטישן ציוניזם און פארוויר-קלעכונג. א צייט פון סאציאליסטישער כוואליע, וואס גייט אויף און פארגייט אין דער יידישער גאס.

ווי א דונער זענען געפאלן די פאגראמען אויף די קעפ פון דער יידי-שער יוגנט אין רוסלאנד. דערשימעט'ס האט זי מיט ביאליקן אויסגערופן די ווערטער: "וואס טוסטו דא פון מענטש, שטיי אויף, אנטלויף אין מדבר אריין".

א ר ץ - י ש ר א ל איז געווארן דער לעצטער אויסוועג פאר די, וועמעס הערצער האבן ניט געפונען קיין טרייסט אין די הבטחות פון דער רוסישער רעוואלוציע. פאר די וועלכע האבן זיך צעבונטעוועט קעגן דעם גלות אין דעם פרוכטלאזן לעבן פון א יונגן דור. ע ו ל ה זיין קיין ארץ - ישראל ארבעטן מיטן רידל און אקער, אראפווארפן דעם יאך פונם גלות, ווערן אנדערש, זיך בא-נייען - אזוי איז געגאנגען די צווייטע עליה.

די חברים פון פועלי-ציון, וועלכע האבן זיך באטייליקט אין דער זעלבסט-שוץ אין האמעל זיינען געווען די ערשטע. און אין יענע טעג האט זיך דערהערט דער רוף פון יוסף ויתקין צו דער יידישער יוגנט אין גלות: "קומט זייט עולה". און זיי זיינען געקו-מען. מיט א ברענענדן ווילן און פיל מיט האפענונג. איינצלנע גרופן-א שטראָם.

און אזוי האט ברענער געזאגט וועגן זיי: "געציילטע זיינען זיי אט די פשוטע, איינצלנע יידן - אבער זיי זיינען פאראן. זיי זיינען נייע. א נייער מין אין יידישן פאלק. געבענטש זאל זיין אט די צווייטיק-טע און קראנקע אומה אויב אזעלכע זין זיינען איר געבוירן געווארן אויף דער עלטער. א גרויסער נס איז געשען און ווער ווייס - אפשר איז זי טאקע נאך ניט פארלוירן?".

און דאס לאנד איז געווען דאמאלסט פוסט און וויסט: בלאָטעס און פי-בער האבן זיך צעשפרייט איבער איר. איינזאם אין דער וויסטער לאנד און איינזאם צווישן די אייגענע ברידער - דאס איז געווען דער גורל פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה.

פרעמד און אפשטויסנד האט זיי באגעגנט די יידישע קאלאניע. ס'האט זיך אנגעהויבן די גרויסע ראנגלעניש פון כיבוש-עבודה. וועלכע ציט זיך נאך אין היינטיקן טאג: היימלאזיקייט, וואנדערניש, שוועריקייט פון צופאַסן זיך צו ארבעט, קריינקהייט, ראַנגלענישן, איינזאַמקייט און סכנות. אַזאַ איז געווען דער גורל פון דער צווייטער עליה.

טראָט ביי טראָט, מיט גרויס מי און מיטן כוח פון געשלאָסנקייט האבן זיי זיך איינגעקלאַמערט אין לאנד, איינגעוואָרצלט אין דער ארבעט. מיט געמיינזאַמער אנשטרענגונג האבן זיי דעראָבערט די אַרבעט, מיט

גבורה און דרייסטקייט איז דעראָבערט געוואָרן די שמירה און ס'איז ענטשטאַנען דער "השומר". נישט איין פעלד, נישט איין וויינגאָרטן האָבן זיך אנגעזאָפּט מיט בלוט פון די שומרים. און ניט איין העלדן־מוט איז פאַרצייכנט אויף דורות אין דער געשיכטע פון דער דעראָבערונג פון לאַנד.

מיט דעם זעלבן כוח זענען אויפגעקומען אויך די ערשטע קערנדלאַך פון ארגאניזאציע.

אין יהודה און שומרון ביזן אָנהויב פון דער אַרבעטער קאָלאָניזאַציע און ביז דער ארץ־ישראלדיקער קאמונע.



ואולי לא היו הדברים מעולם   מעולם בימים ארוכים של קציר
אולי לא השכמתי עם שחר לגן   במרומי עגלה עמוסה אלומות
לעבוד ביגיעת־כפי   לא נתתי קולי בשיר?

מעולם לא טבלתי בטוהר
של תכלת, של תום?
הא, כנרת שלי, כנרת שלי
ההיית, אם חלמתי חלום?

(רחל)

עליה שלישית

איז געווען אין יענע צייטן, ביים אויסגאַנג פון דער
וועלט-מלחמה, נאָך דער גרויסער פעלקער-שחיטה, ווען
ס׳האָט געבושעוועט אויף דער וועלט חורבן און שטורם
פון רעוואָלוציעס און ביי יידן — א דאָפּלטער חורבן און צוויי-
פאַכער שטורם, האָט פּלוצלונג א שיין געטאָן אויף די חורבות א
נבואה שטראַל פון אויסלייזונג, אויפלעבונג און ברודערשאַפט.
און ס׳האָט א בענקעניש זיך צעפלאַקערט אין די הערצער פון
טויזנטער יידישע יוגנטלעכע און זיי האָבן זיך געלאָזן אויף אלע
וועגן: מיט שיפן, איבער ימ׳ען, בערג אין חדשים-לאַנגע וואַנ-
דערונגען צו די ברעגן פון א״י.
און אין יענער צייט, צווישן איין איבערקערעניש און דער צוויי-
טער אין מיטן שטורם האָט יוסף טרומפּעלדאָר געגרינדעט דעם "החלוץ"
אין רוסלאנד, און געוואָרן זיין לעבעדיקער גייסט. ער האָט גע-
בראַכט די ערשטע חלוצים קיין א״י צו דער ארבעטער מחנה אין לאנד,
באגלייטנדיק זייער וועג אין לאנד ביז זיין טויט אין תל-חי.

די בשורה פון דער העלדישער באשיצונג פון גליל און דער אפּקלאַנג
פון טרומפּעלדאָרס טויט זענען דערגאַנגען צו די חלוצים און ס׳האָט
זיך פאַרשטאַרקט דער שטראָם פון עליה קיין ארץ-ישראל פון רוסלאנד,
פּוילן און ליטע. דורך אלע וועגן האָבן זיי זיך געריסן די חלוצים
פון דער דריטער עליה: מיט שיפן אויף כוואליעס פונעם שוואַרצן ים,
צופוס דורך די בערג פון קאווקאז, געגנבעט גרענעצן און פאַרצוים-
טע וועגן, געוואַלגערט אין די פאַרט-שטעט קאנסטאנטינאפּאל און
טריעסט. און ס׳איז ניט געווען קיין גרענעץ צו די העלדן טאטן,

מסירות נפש און ליידן פון דער דריטער עליה. פיל פון זיי האבן געפונען זייער טויט אויף די וועגן און זייערע ביינער זענען צעשפרייט געווארן אין די וואסערן פון שווארצן ים און אויף די בערג פון קאווקאז.

און אין ארץ-ישראל, אין יענע צייטן, בלויז א הייפל ארבעטער, פארבליבענע רעשטלאך פון די יסורים פון דער וועלט מלחמה, אבער אלע דורכגענומען מיט דעם פייער פון וויזיע און באוווסטזיין פון זייער שליחות, אין שפאנונג קעגן די קומענדע טעג. דארשטיג נאך נייע כוואליעס פון עליה, וואס זאלן קומען אין לאנד צו קאלאניזאציע, בוי ארבעט און צו אויפבויען א סאציאליסטישע היים פארן פאלק.

מיט התלהבות און ליבע האט די צווייטע עליה אויפגענומען די נייע חלוצישע עליה, און זיך מיט איר צונויפגעגאסן אין איין מחנה און אזוי געשאפן דעם יידישן ארבעטער-קלאס אין א"י.

די חלוצים ווערן אויפגענומען אין די עפענטלעכע ארבעטן ביי שאסייען, בלאטעס טריקענען און גוי-ארבעט.

ארבעטער מחנות, געצעלטן ווערן פארזייט אויף די שאסייען אין די בערג פון גליל און יהודה. ס'צעטראגט זיך דאס ארבעטס-געזאנג פון די נאטור דעראבערער און זעלבסט דעראבערער — דאס געזאנג פון די כבישים. און אויף די שאסייען איז דאמאלס געשאפן געווארן דער "גדוד העבודה" א"נ פון יוסף טרומפעלדאר. דאס איז די חלוצישע ארבעטס-ארמיי פאר כיבוש, הגנה און קאלעקטיוו. דער גדוד עבודה דעראבערט די ערד פון עמק-יזרעאל, בויט אויף די קאלעקטיוויס-טישע גרויסע ווירטשאפט — עין-חרוד — די מוסטער פון דער גרויסער קיבוצישער באוועגונג.

און אין יענע טעג ווערט אויך געשאפן די הסתדרות העובדים אין
א״י. דאס איז דער פעלד אויף וועלכן ס׳וועט אויסגעבויט ווערן
דער מקדש פון דער צוקונפט.

* * *

אַ נײַער שאָסיי

א נייעם שאסיי האט מען דא אויסגעבויט,
א נייעם שאסיי.
אין א וויסט, אין א שטיינענדיק, טרויעריק לאנד –
געפלאסטערט אים ארבעטער גרויע, קיינעם באקאנט:
ראובן און שמעון און לוי.

געחלשט פון היץ – און געבויט!
עס קלאפן די האמערס,
צעברעקלען די שטיינער אויף שויס,
און ס׳קלאפט צו דאס ליד:
"אוועג צו דער ביסטערניש, א וועג צו דעם ווײ,
צום שווערן געמיט
און צום פייער וואס גליט –
א נייער שאסיי".

און אין איינעם א טאג וועט זיך ציען דער וועג –
באצווונגען פון לאנג: –
א מגילה פאנאנדערגעוויקלט אין שיין פון דער זון,
און קיין ווארט נישט דערציילן דעם פרעמדן
דערפון.

נאר ווייל איז צו דעם, וואס געווען אים באשערט
מיט די זין, די באשיידענע, שטיין אויף דער היימישער ערד
געשמאכט און געקעמפט און מקבל געווען דעם דין.
ווייל איז צו דעם וואס געווען מיט זיי אין דער גויס,
פון איין כוס געטרונקען, געטיילט זיך דאס ארעמע ברויט
און דערגאנגען פון ליידן דעם זין.

און דו, ווייטער ברודער, אין אנדערן דור,
מיט באגייסטערט געמיט,
שטיי אויף און שפאציר זיך אדורך אויפן וועג
וועלן אין הימל די שטערן דיר זינגען דאס ליד
ווי מ׳האט א שאסיי דא געלייגט.

(מ.ז. וואלפאווסקי)

די מלכים פון עמק

ווסט פאר א ווערט האָט די קרוין פון מלכים און וואס איז די פראַכט;
וואס דיכטער אויף שבעים לשונות באַזינגען
צום מלכות אין פּאַלאַץ?
וואס איז דאס בלוט פונם מלך און וואס איז דער ווונדער!

געקומען די צייט איצט – שטיין גלייך אויף אין צעקאַדערטע זאַכן,
אַן שיך
און וויסן: וואס הייסט דאס צען פינגער, צעווייקטע פינגער,
און וואס איז דאס ערד פאַרן מענטשן בתכלית הפשטות!

און זאל לערנען דער דור דא דעם דעראַבערונגס=בונד אינם מדבר,
וואס ס'האט אים געשריבן זייער מאַיעסטעט די העברעער-באַטיאַקעס
אין צוואנציקסטן יארהונדערט.

מיר האבן געלערנט דאָס רויט – פונם יידישן בלוט, וואס האט זיך
געגאָסן אין גאַסן.
געשטראָמט האט אויף פעלדער דאס בלוט און פעס געמאכט גוייִשן באדן.
און ס'האבן ערלים געפרייט זיך מיט שנים און געלויבט די בערטעצניש.
און יידן באַהאַלטענע – געבליפּעט מיט בלוט האבן דערמאלסט אין אייגענע
שויסן – – –

איצט ווייסן מיר שוין, ווי פרוכטבאַר וועט זיין דאס שטיקעלע ערד
אונזערס דא אינם מדבר
און פארוואס ס'האבן קיין פורפורענע קליידער די מלכים פון עמק – – –

(א.צ. גרינבערג)

לה|

קלאסאווע

אינם דריטן חודש, דאס איז דער חודש מערץ אין יאר 1924
איז ענשטאנען קלאסאווא – א קיבוץ פון סטיטשעקער א.נ.
פון יוסף טרומפלדור און ער עקזיסטירט נאך ביזן היינ-
טיקן טאג – דרייצן יאר נאכאנאנד.

אין שעג פון גרויסער נויט אין לאנד און אין "החלוץ" איז ענטשטא-
נען קלאסאווא. די טויערן פון לאנד זענען געווען געשלאסן, קריזיס
פון דער פערטער עליה, וועלכע איז געווען ווי א גלות איבערוואנ-
דערונג פון ניט קיין חלוציש׳ן עלעמענט, פון מיטל שיכטן פון פאלק.
אנ׳ערב-רב דערשראקן פאר גזרות איז געלאפן אין די שטעט צו די אל-
טע גלות פרנסות, צו האנדל מיט פלעצער און הייזער און אנדערע
לופט פלענער. אין די טריט פון גלות סטיכיע איז אנגעקומען דער
שווערער קריזיס אין לאנד: ארבעטסלאזיקייט, הונגער און דער ווארצ-
לאזער טייל פון דער פערטער עליה האט זיך צעשפרייט אין אלע זייטן
און זיך צוריקגעקערט אין גלות.

ווי די אנטפלעקונג פון מסדה אין איר צייט, ווי א לעצטע פעסטונג
איז קלאסאווא געווען פארן טרייען הייפל, פאר די, וואס האבן ניט
געוואלט און ניט געקענט מַשלים זיין מיטן גורל פון ירידה און
חורבן. פאר די וואס האבן באוויזן כוח אויסצושטיין אין טריישאפט
פון בונטארן קעגן גלות לעבן. און די לעצטע זענען געווארן די
לר

ערשטע. דער קיבוץ פון שטײנהאקער אין קלאסאװא האט װי א פאקל
גערופן יעדן ייִדישן גונסאר צו זיך. און קלאסאװא איז געװארן
װי א צױבער לעגענדע װאס גײט איבער שטאט און שטעטל צום די
יונגע הערצער און פאנגט די פאנטאזיע. און ס׳האבן זיך געצויגן
און געקומען צו איר פון אלע עקן פון לאנד און זי איז געװארן
א פעסטונג. דא זענען געגעבן געװארן פון־װאסניי די לוחות־הברית
פון דער חלוציש׳ער תורה. די װוּנדערלעכע אין איר מהות און גרוי־
זאמע אין אירע טאטן. דא זענען אויסגעפארמט געװארן די װיכטיקס־
טע װערטן פון דער באװעגונג, פון דער רעװאלוציאנערער חלוצי־
שער און באשטענדיקער הכשרה.

„קלאסאװא! װאס איז פארבונדן מיט דעם נאמען?

ניט קײן באשטימטע װערק, נאר א געשטאַלט פון א נײעם מענטשן.
א מעגלעכקײט, װאס האט זיך אנטפלעקט פאר יעדער יוגנטלעכן אין
פוילן, פאר יעדן פשוטן מענטש — צו װערן אנ׳ארבעטער, אנ׳אנדערער.
און דאס איז געװען װי אנ׳אנשטענדיקער טרױם, װאס האט ארומ־
געכאפט יידישע הײזער. א מעגלעכקײט, װאס איך, דו און ער,
יעדער אײנציקער קען איר דערגרײכן, פארװירקלעכן. און ס׳האט
זיך פארשפרײט דער קלאנג צװישן פאלק, אז ס׳זענען עפעס פאראן
פשוטע מענטשן, װאס האקן שטײנער און גלײכצײטיק זינגען זײ,
טאנצן און לעבן אין א קאָלעקטיװ. און זײ זענען ניט קײן אויס־
דערװײלטע, און אז יעדער־ער קען זײן און לעבן װי זײ. —
ס׳איז געװען אין דעם עפעס פון א לעגענדארן כוח, װאס ענ־
דערט דאס געשטאַלט פון לעבן."

ס׳איז ניט געװען קײן אײן חבר פון װעלכן קלאסאװא זאל זיך
מיאש זײן און אים זאגן: גײ! זי איז געװען אכזריות׳דיק אין

איר חסד ארויסבאקומען פון יעדן מענטשן זיינע גרעסטע מעגלעכ-
קייטן. דאס איז א רעוואלוציאנערער דערציערישער אידעאל פון
א באוועגונג, וואס דערראבערט, שאפט און באזעצט א נייע לאנד,
וואס טראגט די שטרעבונג צו א נייעם פראָלעטאַרישן לעבן. א באווע-
גונג וואס פארמאָגט רעוואלוציאנערע ראמאנטיק; וואס קעמפט קעגן
עקזיסטירנדן רעזשים, ראמאנטיק פון א קאלעקטיוו לעבן אין א״י,
פון הגנה, פון מסדה און אלע אנט-
פלעקונגען פון יידישער גבורה.



* *
*

אויף מיינע יונגע אַקסל, טראָג איך אום דעם יאָך,
פון שווערע אויסגעהאָרעוועט טעג;
ס׳איז ניי מיין וועג,
אויף וועלכן כ׳טרעט,
ס׳איז ניי מיין גאָט, צו וועמען איך בעט.

ס׳האט קלעסאווער שטיין
מיין הארץ פארהאַרטעוועט ווי סטאָל.
איז שוין ניטאָ אין מיר דאָס קינדישע געוויין,
איז שוין ניטאָ אין מיר דער אומעטיקער קול
אדורכגעזאַפט מיט צאַרטן סענטימענט.
דערפאר פאַרמאָג איך איצט צוויי גראָב—מאָזאָלידיקע הענט
יאָ, צוויי מאָזאָלידיקע הענט
געווענדט
צום גאנצענעם ארום מיט א געשריי:
איך קום!
איך גיי!
מיט פען און רידל אין דער האַנט.
און פאַלן וועט פאַר מיר א וואנט נאך וואנט,
א ווו כ׳וועל שטעלן נאָר מיין טראָט
מיט פעסטן וואָג.
א זיי געבענטשט מיין נייער טאָג;
יא זיי געבענטשט מיין אויפגייענדיקער טאג!

(אברהם לעוו)

לט|

המנון קלוסובה

מיר האבן דא קיינעם,
מיר דארפן דא גארנישט,
מיר האבן צעריסן
מיט נאענס און מיט ווייס.
צעכראסטעט די הערצער,
צעפראלט זיך דאס לייב –
א הפקר כאלאסטרע פון
זינגען און לייד.

מיר לאכן פון ליידן,
און שמייכלען פון זארגן,
אונז ענטפערן הילכיק
די סקאלעס גראניט.
צו אונז געהערט דער היינט,
מיר שמידן דעם מארגן –
די אדערן פליצן מיט זודיקן
בלוט,

סאַ הויבנדיקע דעם האמער,
צעשמעטערט די שטיינער:
עס זאל הילכן אין לופטן
דער מעכטיקער קלאנג.
מיר זענען חלוצים פון קיבוץ
קלאסאווא –
מיר שאפן א לעבן פון ארבעטס-
געזאנג.

עליה חמישית

און ס'זענען אנגעקומען אין לאנד נאך דער פערטער עליה טעג פון קריזיס, יאוש און ביטול גלויבן אין אויסלייזונג. טעג פון ארבעטסלאָזיקייט און שטיצע פֿאַרטיילונג. די לאנד איז געווען פאַרגאַבלט, אירע טויערן געשלאָסן און די עליה-וועגן פֿאַרוויסט.

פיל זענען אפגעשטאַנען פון מחנה. ס'האט זיך פארשטאַרקט די פאר-לייקנונג און ס'זענען אויך געווען א זעלכע, וואס האבן דאס היימ-לאנד פֿאַרלאָזן.

שווערע טעג זענען אנגעקומען אויך פאר דער קיבוצישער באוועגונג. מ'האט פֿאַרלוירן די האָפנונג אינם קומען פון די ווייטע. און די וועגן אין דער קבוצה זענען געווען פארטרויערט. די שטארקע סאַמי-נים אין דער קיבוצישער מחנה אין לאַנד האָבן געוואָרט אונגעדול-דיק אויף דער נייער עליה, וואס זאל קומען און זיי באַפליגלען.

און ס'האָט זיך אריינגעריסן די פינפטע עליה. און זי האט ארויס-געפירט די ארבעטער באוועגונג און דעם קיבוץ אויפן ברייטן שליאך. כוואַליעסווייז איז אנגעקומען דער גרויסער שטראָם פון דער פינפטער עליה. פון דער ערשטער אָנזאָגנדער חלוצישער כוואליע נאך די שווערע טעג פון פֿאַרמאַכטער עליה. דורך דער כוואליע וואס רייסט זיך אריין אין לאַנד אין די צייטן פון די געשעענישן פון אב 1929 און די פאַרשטאַרקטע חלוצישע עליה, וואס רייסט זיך אריין אין לאנד

מיט חלוציש‌ער פרישאפט און גייסט צו דערא̄בערן די יידישע מושבה
און אין קיבוץ און בידן אנקומען פון דער כוואליע וואס ברעכט
איין די געשלאסענע טויערן אין די צייטן פון פאספילד און ווייס-
בוך און אנדערע גזרות.

און איין כוואליע האט געיאגט דער צווייטער און זיך אריינגעריסן
סיי אפן, סיי באהאלטן דורך אלע וועגן.

ס׳הויבט זיך אן דאמאלס דער גרויסער שטראם אין "החלוץ". פארברייטערט זיך, צעוואקסט און פארצווייגט זיך די הכשרה - דער גרעסטער
אויפטו פונם דור פון דער יידישער יוגנט אין אונזערע צייטן.

* *
*

כאן מתאים להקראה הפרק "די גרויסע וואנדערונג" מתוך החוברת "הכשרה אין פוילן" של מ. ברסלבסקי. הפרק נמצא גם בחוברת "למסיבה ומועד".
בחוברת הנ׳ל נמצאים גם השירים:
בקיבוץ - מאת מ. בסוק - לדקלום,
כמו כן שירו של א. לעוו: ווי ליכט
האט איר זיך דא צושפרייט.

פלא החלוץ

החלוץ היה לפלא - והפלא הזה קם ונהיה, לעינינו. מיחידים היו למעטים, וממעטים לרבים, עד אשר יהיו לעם. ההויה העובדת הארץ-ישראלית, אשר התהוותה בבדידותה כנחלת יחידים, יצאה לרשות הרבים למען היות לנחלת רבים.

והתנועה החלוצית צמחה וגדלה, לא נזרעה כמעט ולא טופחה. כספיח עלתה. רוח העבודה הארץ-ישראלית נשאה אותה ותזרעה בשדות גולה; ו"החלוץ" נעשה לגורם של ממש בחיי הגולה היהודית ו ע ל י ו המפעל הארץ-ישראלי קיים.

"החלוץ" הוא שעשה את ארץ-ישראל החיה קבע בחיים היהודיים: לא אציונות מדינית אלא ארץ-ישראל החיה, הקיימת, העובדת. במאמצים קולקטיביים הוציאה את רעיון ההגשמה-האישית הארצי-ישראלית מרשות המעטים לרשות הרבים. זכה "החלוץ" שבו ובגללו נתקיים הבטחה: עתידה ארץ-ישראל שתתפשט בכל הארצות.

ארץ-ישראל הקטנה נתנה לגולה: א מ ו נ ה . אידיאה המזיזה סלעים.

האם לא החזון האנושי של "החלוץ", כשהוא לעצמו, זוקף את הקומה הישראלית בגולה? האם הנותו ה מ ו ס ר י ת בימים של הרס כלכלי והתגוננות חברתית - לא היתה לעמוד אש לגולה עצמה? האם לא בימי משבר וקוניוקטורה יצר "החלוץ" פנות עמל וחיי-רעיון ובריחה מן הבצע ומן התלישות? האם לא הביא "החלוץ" עולם של מושגים חדשים לרחוב היהודי?

"החלוץ" הרים את העבודה מאשפתות. הוא העמידה במרכז חיי האומה. הוא הלך וכבש לה בלי הרף שדרות חדשות. הוא עשה את הנוער היהודי גשר למעמד-הפועלים העברי, לאומה העובדת העתידה לקום.

ואת מושגי המוסר והחברה של עולם-העבודה העתיד והסוציאליזם כרך "החלוץ", מטבע בריתו עם ארץ-ישראל. ולא כדבר-שפתיים, אלא כדרך חיים. ובזה עשה את ארץ-ישראל לסמל הערכים המוסריים והחברתיים החדשים. כך נעץ "החלוץ" את הקנה של ארץ-ישראל באדמת-הגולה.

(ב. כצנלסון)

לא נותקה השלשלת

לא ניתקה עוד השלשלת
עוד נמשכת השלשלת
מבני אבות אלי בנים
מבני דורות אלי דורות
עוד נמשכת השלשלת.

רקדו ככה אבותינו:
יד אחת על שכם רע
ספר תורה ביד שניה –
סבל אומה באהבה נשא –
רקדו ככה אבותינו.

כך נרקודה גם אנחנו
ועצומות הן כך עינינו
כה נמשיכה השלשלת
בעינים עצומות
פן תנתק ותתפורר
כך נרקודה גם אנחנו

כך נמשיכה השלשלת
לא נותקה עוד השלשלת
אן תוביל? לאן עולה היא
הלאה, הלאה הלאה הלאה
אל נחקורה אל נשאלה
כה נמשיכה השלשלת!

ב ת ו כ ן :

הסתדרות „החלוץ" בפולין

המרכז – מחלקת התרבות

ניסן תרצ"ז